**מאמר השקפה**

פר' חיי שרה

שנת תשפ"ה לפ"ק

# דער קורצער מהלך פון 'סדום' צום 'ראבינאט'...

עס גייט פרשת חיי שרה.

לאמיר אנהייבן מיט א מעשה.

געווען איז דאס ווען מרן רביה"ק מסאטמאר זלה"ה איז געפארן קיין ארץ ישראל דאס לעצטע מאל בשנת תשכ"ה לפ"ק, האט אים איינער פון די מקורבים דערציילט אז די ציוני'סטישע צייטונגען האבן זייער שיין באשריבן דעם רבי'נס באזוך מיט'ן גרעסטן כבוד. און האט אפילו צוגעלייגט אז כאטש יעדער ווייסט אז דער רבי איז א גרויסער לוחם קעגן ציונות, דאך באשריבן זיי אים בכבוד הראוי און פארגינען זיך צו שרייבן מיט פאמפע און פרסום.

## ארורין הרשעי"ם שאין טובתם שלמה

האט דער רבי געענטפערט:

מיר זעען אין פרשת חיי שרה אז די בני חת האבן גערעדט צו אברהם אבינו מיט'ן גרעסטן מאס כבוד, זיי האבן גענוצט אויסדרוקן ווי "נשיא אלקים אתה בתוכנו".

"אבער די רשעים פארגינען מיר נישט די רואיגע מחשבה, ממילא שרייבן זיי מיט גרויס כבוד אז א 'נשיא אלקים' איז געקומען', אלעס זענען זיי גרייט די רשעים ארורים, אפילו צו געבן כבוד מלכים פאר זייער גרעסטן שונא, אבי איך זאל נישט שפירן דעם גלות...".
אויב מן השפה ולחוץ זעט אויס אז עס קומט פון זיי א דבר טוב, דארף מען אויך וויסן אז בקרבם טמון אורבו, און דער פינסטערער רשע ווייסט זייער גוט צו וואס ער צילט.

לכאורה דארף מען פארשטיין, ס'איז דאך 'הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב', וויאזוי האבן די גוים געהאט אזא יראת הכבוד פאר אברהם אבינו?! און פארוואס זעט מען אזעלכע גרויסע לשונות פון הכנעה מצידם, בפרט ווען סוכ"ס האט זיך די מעשה נישט געענדיגט אזוי שיין, און אברהם אבינו האט סוכ"ס געדארפט באצאלן עד פ"א אל"ף דעם איבערגעטריבענעם פרייז פון 400 שקל כסף פאר אן אחוזת קרקע?!

נאר וואס דען - האט דער רבי ממשיך געווען - דער אמת איז ממש פארקערט.

אאע"ה האט געהערט פונעם רבש"ע ביים ברית בין הבתרים אז ס'איז נגזר געווארן אויף זיינע קינדער גלות 400 יאר, האט ער געוואלט אז דער גלות זאל זיך אנהייבן שוין מיט אים, אזוי וועלן זיינע קינדער וויניגער ליידן. דעריבער האט ער געזאגט "גר אנכי בארץ", "גר ותושב אנכי עמכם", דהיינו איך בין א גר ממילא בין איך שוין אין גלות, און די פיר הונדערט יאר קען מען שוין רעכענען אנגעהויבן פון לידת יצחק.

אבער די בני חת, זיי האבן גוט געוואוסט פארוואס אברהם אבינו וויל זיין א גר, זיי האבן פארשטאנען אז דא איז די רעדע פון אוועק נעמען אביסל פיין און שיעבוד מצרים פון די אייניקלעך פון אברהם אבינו, און מגודל רשעותם האבן זיי נישט פארגינען אאע"ה אז ער הייבט שוין אן די 400 יאר פונעם גלות האבן זיי געזאגט מיט'ן גרעסטן חנופה און כבוד "ניין, ניין... נשיא אלקים אתה בתוכנו", דהיינו, דו ביזט נאך א 'נשיא אלקים', מיר זענען דיר גרייט צו געבן דעם גרעסטן כבוד, מיר זענען גרייט זיך אהערצושטעלן פאר דיר מיט'ן שענסטן פנים, מיר זענען גרייט זיך צו בוקן פאר דיר אפים ארצה, דער עיקר אז דו זאלסט נאך יעצט זיין מיט אונז א 'תושב' און נישט קענען אנהויבן צו רעכענען די טעג פונעם גלות פון יעצט, נאר מ'זאל דאס דארפן שטופן נאך אפאר יאר, און דיינע קינדער און אייניקלעך וועלן דארפן לענגער ליידן פון שיעבוד מצרים.

האט דער רבי געזאגט "דאס איז די זעלבע זאך מיט די רשעי ישראל, די ציונים, די רשעים זענען אפילו גרייט איינעם מכבד צו זיין אבי יענעם שלעכט צו טון, זיי זאגן אז זיי שרייבן שיין פון מיר אין די צייטונגען, אבער עס איז קלאר, זיי מיינען נישט מיין טובה, כל מחשבותם רק רע כל היום, אפילו ווען זיי געבן איינעם כבוד, ליגט אויך אונטער דעם זייער רשעות און אכזריות".

האט דער רבי אויסגעפירט

"די איינציגע נחמה וואס איך האב ווען איך קום קיין ארץ ישראל, איז אז איך ווייס ביי מיר 'גר אנכי בארץ', ס'איז נאכנישט דער זמן הגאולה, מיר זענען דערוויל נישט אין די לאנד וואס השי"ת האט אונז געגעבן, נאר דאס ליגט אין געפענגעניש ביי מינים ואפיקורסים. דאס איז די איינציגע מחשבה וואס ברענגט אז איך קען זיך רואיג אויפהאלטן דא.

"אבער די רשעים פארגינען מיר נישט די רואיגע מחשבה, ממילא שרייבן זיי מיט גרויס כבוד אז א 'נשיא אלקים' איז געקומען', אלעס זענען זיי גרייט די רשעים ארורים, אפילו צו געבן כבוד מלכים פאר זייער גרעסטן שונא, אבי איך זאל נישט שפירן דעם גלות...".

דאס איז זייער א טיף ווארט.

דער הייליגער רבי זאגט 'ארורין הרשעים שאין טובתן שלימה', און נאך אסאך מער פון דעם, עס איז 'כל יצר מחשבות לבם רק רע כל היום', און אויב מן השפה ולחוץ זעט אויס אז עס קומט פון זיי א דבר טוב, דארף מען אויך וויסן אז בקרבם טמון אורבו, און דער פינסטערער רשע ווייסט זייער גוט צו וואס ער צילט.

דאס איז איין הקדמה.

## פון א 'מחזיק' צו א 'מזיק'

לאמיר מאכן נאך אן הקדמה.

מיר האבן שוין אינעם עבר אמאל צוגעברענגט א זיס ווארט פון הגה"צ רבי גרשון שטערן ז"ל דער לודאשער רב אין זיין ספר ילקוט הגרשוני.

ער דערציילט אן עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט ווען ער האט געלערנט אין די ישיבה אין פרעשבורג, וואס כידוע האבן דארט געלערנט בחורים מובחרים וואס א חלק ניכר צווישן זיי זענען שפעטער אויסגעוואקסן בארימטע גדולי ישראל, און במשך די אלע יארן וואס די ישיבה אין פרעשבורג האט עקזיסטירט - א משך פון ארום 130 יאר - איז דער כבוד התורה ולומדיה געווען זייער שטארק.

> **ווען עס קומט דער פינסטערער סדום, ער קומט מיט אלע זיינע מעשי רצח און רשעות, און ער וויל זיך נאך אנטון א פרום מאנטל. ער וויל רעדן בשם יושר, בשם צדק, ער וויל זאגן אז סדום האט א משפט, און ווער רעדט נאך אז די מעשי סדום קען האבן א בירור הלכה און פארענטפערן אירע געמיינע מעשים על פי תורה, דאן דארף מען נעמען די שטאט אין די ערשטע מינוט און דאס איבערדרייען, חרוב מאכן עד היסוד.**

אידן אין פרעשבורג זענען געבוירן געווארן מיט'ן רגש פון 'כבוד התורה', א ישיבה בחור איז געווען א מורם מעם, א שיעור אין די ישיבה איז געווען א מושג וואס האט ארומגענומען יעדן בעה"ב מיט אן ערנסטקייט. עפ"י רוב א בחור וואס האט געגעסן 'טעג' אין פרעשבורג איז אפגעווארט געווארן מיט יראת הכבוד, ווען די בעלי בתים האבן אויך געוואוסט און פארשטאנען אז דער בחור וועלכער איז עוסק א גאנצן טאג על התורה ועל העבודה איז דער מובחר היציר.

אפילו מיט אסאך יארן שפעטער איז דאס געבליבן איינגעבאקן אין די הערצער פון פרעשבורגער אידן – מיין זיידע הרה"ח ר' יוסף מאיר נויאוויטש ז"ל, א תלמיד פון די ישיבה אין פרעשבורג אין די תקופה ווען הגאון רבי עקיבא סופר זצ"ל האט געפירט די ישיבה – פלעגט דערציילן פון זיינע איינדרוקן, אז ווען אין די ישיבה האט מען געלערנט די סוגיא פון 'מתוך' האבן די גוים אויפ'ן מארק נאכגעשריגן די בחורים "מתוך! מתוך!". אזוי ווייט האט די ישיבה געהאט אן השפעה אויף די גאנצע שטאט.

אין די ספרי הזכרונות פון פרעשבורגער אידן, ווערט פארצייכנט אז אין די צייטן פון הגה"ק בעל שבט סופר ז"ל, ווען דער רב פלעגט געבן דעם ערשטן שיעור אין די סוגיא אין די ישיבה, האבן זיך אלע בעה"ב אנגעטון בגדי שבת, און זיי זענען געקומען אין די ישיבה מיטהאלטן דעם שיעור פונעם רב.

א מושג פון כבוד התורה!

מאכט זיך אמאל אז דער חתם סופר ז"ל הערט ווי א בעל הבית האט זיך צובייזערט אויף א בחור, און ער שרייט אויף אים: "דו ביזט א בחור אָן אַ ח"... (בור).

דער חת"ס האט נישט געקענט פארשווייגן הערנדיג ווי א בעה"ב איז מבזה א בחור פון די ישיבה –

וואס די בריאה פארמאגט – האט ער זיך אנגערופן צום בעה"ב "וואס עפעס איז ער אָן אַ ח', דו ביסט אָן אַ ח"...

וואונדערט זיך דער בעה"ב "מילא א 'בחור' אָן א ח' איז א 'בור', וואס בין איך אָן א ח'?".

זאגט אים דער חתם סופר "דער גאנצער תפקיד דיינער אויף די וועלט, פארוואס דו האסט א זכות קיום אפילו דו ביזט נישט זוכה צו זיצן באהלה של תורה, איז ווייל דו ביזט עוסק על המחיה ועל הכלכלה און דו מאכסט פרנסה, און דו גיבסט אוועק פון דיין געלט צו זיין פון די 'מחזיקי תורה', אויב אבער דו קענסט מבזה זיין א בחור א לומד תורה, דו קענסט שרייען אויף אים מיט ביליגע ווערטער, דאן ביזטו נישט קיין 'מחזיק תורה', נאר מ'דארף אוועקנעמען דיין ח', דו ביסט א "מזיק תורה", טא, וואספארא זכות קיום אויף די וועלט האסטו אויף דעם אופן??!".

מיט דעם עפיזאד האט א תלמיד החת"ס מסביר געווען פארוואס די "בני חת" האבן זוכה געווען צו דעם נאמען. ווייל אויב ווען אברהם אבינו נויטיגט זיך אין הילף, ער דארף האבן א טובה, און זיי קומען מיט די פולסטע ווארעמקייט און העפליכקייט און זיי זאגן אים "נשיא אלקים אתה בתוכנו במבחר קברנו קבור את מתך", פארדינען זיי מיט רעכט צו באקומען דעם נאמען "בני חת", יא, זיי האבן דעם ח', זיי זענען מחזיקי תורה, און אוודאי נישט 'מזיקי תורה'.

א זיס ווערטל, א באַ'טעמ'ט ווערטל, ואילו לא באנו אלא בשביל זה דיינו.

## רציחה עפ"י תורה איז די ערגסטע

אבער, דא קענען מיר נישט איינהאלטן אונזער טיפער שמערץ און ווייטאג, וואס בלי שום ספק טוט דאס ווי פאר נאך אומצאליגע ערליכע אידן איבער די גאנצע וועלט, און עס מוז ארויסגעגעבן ווערן בשער בת רבים.

ערשט לעצטע וואך האבן מיר געלערנט אין די תורה "זעקת סדום ועמורה כי רבה וחטאתם כי כבדה מאד".

"מעשי סדום", זענען געבליבן צוויי שרעקליכע ווערטער. עד היום ווען עמיצער וויל מגדיר זיין א משל פון רשעות און אכזריות עד קצה האחרון וועט ער נוצן דעם אויסדרוק 'מעשי סדום'. אין דברי חכמינו ז"ל איז א סדומ'ניק א רע לשמים ורע לבריות, עפעס א שמוציאניק צום צווייטן עקסטרעם.

אז מ'טראכט אריין א רגע, פארוואס האט זיך סדום אויסגעצייכנט מיט רשעות און אכזריות אז זיי האבן באקומען די שרעקליכע 'דיפלאמע' לדורי דורות?! זענען דען געווען ווייניג רשעים און רוצחים משך די אלע דורות אז עס איז געבליבן דאס פעקל דייקא ביי סדום?!

די תשובה איז זייער קלאר:

אמת, עס איז געווען אסאך רשעות איבער די וועלט, עס איז געווען אסאך אכזריות איבער די וועלט, און עס איז דא היינט אויך געגוג און נאך רשעות איבער די וועלט.

אבער סדום זענען געווען די ערשטע וואס האבן געגומען דאס 'ארגסטע שבארגסטע', זיי האבן געגומען דעם 'חק ומשפט', זיי האבן אפילו געגומען די 'תורה הקדושה', און אין איר נאמען געדעדט אלע ארגסטע און געמייגסטע אכזריות און רשעות.

די מדרשי חז"ל דערציילן אונז געגוי די אלע מעשים טובים פון די אנשי סדום, די סאדיסטישע מיטלען מיט וואס זיי האבן געפייניגט יעדן אומשולדיגן אורח וואס איז אריינגעפאלן צו זיי, און מיט וואס פארא רשעות זיי האבן אים אויסגעטיילט צרות עד קצה האחרון. אבער, אלעס האט געשטימט מיט די ביכער... אלעס איז געווען פארצייכנט מיט א נומער פון א געזעץ, אלעס האט געשטימט דורך די 'משפטים בל ידעום' פון די שמוציגע מענטשן-פרעסער...

עס דערמאנט זיך די זיסע מינוטן ווען מיר פלעגן זיצן און שמועסן מיט הרב החסיד הישיש רבי עקיבא'לע גאנץ ז"ל, און ער פלעגט משפיע זיין פון זיין לעכטיגן אוצר ווי אלעמאל ווען ער האט נאר אנגעהויבן צו רעדן.

האט ער מערערע מאל דערציילט, וואס ער האט געהערט פון מרן רביה"ק מסאטמאר ז"ל אין די ערשטע יארן א הייליג ווארט, א יסודות'דיג ווארט:

רש"י זאגט אויפ'ן פסוק "ולוט יושב בשער סדום", אז "אותו היום מנוהו שופט עליהם". לכאורה מיר זעען דאך אז די שטאט איז שוין געשטאנען 52 יאר, פארוואס האט די שטאט געמוזט חרוב ווערן פונקט אין יענעם טאג וואס לוט איז ממונה געווארן אלס שופט? איז דען נישט געווען ביז דעמאלטס געגוג צייטן וואס איז געווען פיל שווערער און ארגער דער מצב, ווי דעמאלטס ווען לוט איז געווארן שופט?!

האט דער רבי געענטפערט "לוט האט דאך געלערנט תורה ביי אברהם אבינו אין שטוב, ביז יעצט האט יעדער געוואוסט ווי געמיין און מיאוס סדום איז, יעדע שלעכטע זאך האט מען אנגערופן "מעשה סדום", "מדת סדום", מ'האט געוואוסט אז סדום שטעלט מיט זיך פאר דאס שלעכטס און געמיין, און עס איז נישט געווען אזוי מסוכן אז מ'זאל זיך פון דעם אפלערנען.

"יעצט אז עס איז געווארן געשטעלט אלס שופט איינער וואס האט געהאט געלערנט תורה ביי אברהם אין שטוב, איז געווען א גרויסע סכנה אז ער וועט טרעפן א ראי' אין די תורה צו די מדת סדום אז מ'מעג דאס טון אדער יענץ טון, ווייל איינער וואס קען לערנען קען דאך מהפך זיין כל התורה כולה ר"ל, ער קען דאך נעמען די תורה אליין און אריינלייגן דערין אלע פסלנות, אלע רשעות, און אלע אכזריות, האט דער אייבערשטער געהייסן "שוין זאל דאס איבערגעדרייט ווערן! קיין איין מינוט זאל נישט שטיין קיין סדום על פי תורה!"

ווען עס קומט דער פינסטערער סדום, ער קומט מיט אלע זיינע מעשי רצח און רשעות, און ער וויל זיך נאך אנטון א פרום מאנטל. ער וויל רעדן בשם יושר, בשם צדק, ער וויל זאגן אז סדום האט א משפט, און ווער רעדט נאך אז די מעשי סדום קען האבן א בירור הלכה און פארענטפערן אירע געמיינע מעשים על פי תורה, דאן דארף מען נעמען די שטאט אין די ערשטע מינוט און דאס איבערדרייען, חרוב מאכן עד היסוד.

ווייל צו נוצן די תורה פאר מעשי השחתה, דאס איז די ארגסטע.

## זיך אננעמען על כבוד התורה

לענינינו.

עס איז שוין 76 יאר וואס מיר ליידן זיך אן פון 'מדינת סדום-ישראל', א פינסטערע מדינה, א גוי'אישע מדינה, א מדינה וואס איז נתייסד געווארן מיט א ציל פון עקירת הדת, מיט א ציל פון מרידה במלכות שמים והעברה על השבועות, א מדינה וואס איר מטרה איז 'כתבו לכם על קרן השור אין לנו חלק ונחלה בה' אלקי ישראל', פארשטייט זיך לויט די היינטיגע מאדערנע ווערסיע.

אט די מדינה של גיהנם האט זיך במשך די יארן פון איר עקזיסטענץ ארויסגעשטעלט מיט אירע ארגסטע און גרויליכסטע פארבן, אירע שרעקליכע גזירות קעגן ערליכע אידן איז געווען גרוע פי כמה מכל אומה ולשון, זיי האבן גוזר געווען גזירות איומות וואס קיין שום אנשטענדיגע גוי'אישע פאלק האט נישט געטון. אנגעהויבן ביי גזירת גיוס בנות, חיטוטי שכבי, ניתוחי מתים, און אזוי ווייטער ביי אלע רדיפת הדת, וואס אסאך פון זיי זענען אפילו נישט אויפ'ן פאפיר געזעצליך אבער זיי ווערן אויסגעפירט, און ווען עס קומט צו זייער א.ג. 'בית המשפט' באקומט דאס דעקונג און שטיצע לויט זייערע חוקי סדום.

**אפגעזעהן די סיבות ארום, שרייט פאר די אויגן א מציאות אז די פינסטערע מדינה קומט דא בשם זייער 'דעת תורה', די געמיינע 'ראבינאט' און זיי ווילן מיט דעם כח זיך משתלט זיין און איינטיילן פאר יעדן רב איבער די וועלט צו מוזן האלטן פונקטליך וויאזוי זייער מיינונג לויטעט.**

**מיר דארפן שרייען, מיר דארפן מוחה זיין, מיר דארפן אויסרופן יעדע לשון של מחאה וואס איז נאר שייך!**

דאס אלעס קען מען אפשר נאך ווען אראפשלינגען, און שלום מאכן מיטן מצב, ווען מיר ווייסן שוין נישט פון היינט אז דאס איז דער ביטערער מציאות, אז די אידן וואס וואוינען אין ארץ ישראל זענען אריינגעפאלן אין גלות צווישן א ביטערע אומה שפילה ונבזה, א זעלבסט-געגרינדעטער ציוני'סטישער 'פאלק', וואס כלל ישראל אין איר לאנגע היסטאריע האט ליידער געגוג מיטגעמאכט פון רשעים ארורים וועלכע האבן פארביטערט דאס לעבן פון ערליכע אידן, און מיר דארפן נישט צופיל ביישפילן דערויף.

אבער, דאס ארגסטע איז ווען זיי שטעלן זיך ארויס אלס 'פארטרעטער פון די תורה', און זיי האבן צו זאגן זייער מיינונג אין 'אידישקייט', ווי כאילו זיי פארטרעטן דעם אידישן פאלק.

די ציונים האבן א 'ראבינאט', א קערפערשאפט, וואס ביום י"ג אדר א' תרפ"א, ווען די קערפערשאפט איז געגרינדעט געווארן, האבן אונזערע רבי'ס בראשות הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל גוזר תענית געווען, ווייל מען האט געוואוסט אז דא קומט אויף א פרישע טומאה, וואס ערליכע אידן וועלן נאך ליידן שרעקליכע צרות פון איר.

הגה"ק רבי וועלוועלע בריסקער ז"ל האט געפירט א מערכה כבידה קעגן דעם טמא'נעם 'היכל שלמה' וואוסנדיג אז די ציוני'סטישע מאסקע פון א 'ראבינאט' דאס איז ארגער פון סיי וועלכע טומאה און סיי וועלכע קליפה אויף די וועלט.

אין קלארע ווערטער: "רבנות הראשית לישראל איז "סדום על פי תורה!" און דאס דארף ווערן אויסגעריסן עד היסוד.

אט די רשעי ישראל, די גרעסטע עוקרי דת נעמען אט די קערפערשאפט אלס זייער פאלשע מאסקע, ווי כאילו זיי פארטרעטן די תורה און זיי נעמען זיך אן פאר די תורה, בו בזמן וואס זיי זענען די גרעסטע עוקרי דת ומחללי התורה, און געבן זייער אפיציעלן שטעמפל פאר די טמא'נע ציוני'סטישע מדינה.

עס בלוטיגט דאס הארץ א ווייטאגליכער מציאות, אז שוין לאנגע חדשים וואס די רשעים ארורים פייניגן א חשוב'ן רב בישראל, א איש גאון וצדיק, זיי האלטן אים איינגעשפארט אין זייערע פינסטערע גרעניצן. דער רב האט נישט געקענט מיטהאלטן די הייליגע טעג, ימים טובים, שמחות ביי יוצ"ח, אלס קנס ווייל זיין דעת תורה שטימט נישט מיט'ן ציוני'סטישע אפאראט.

אויב זאל זיך דא ענדיגן די מעשה איז דאס גענוג ווייטאגליך, אבער דער ווייטאג איז פי כמה, וויאזוי קען דאס זיין אז די חרדי'שע וועלט שטורעמט נישט מיט פראטעסטן און מ'נעמט זיך נישט געהעריג אן פאר כבוד התורה?! וואס כאטש דער אמת איז פארשטענדליך אז עס שפירט זיך אז מ'ווערט דא אריינגעדרייט אין א פריוואטע משפחה סכסוך. איז עס אבער נישט אמת. פריוואטע סכסוכים לחוד, ומחאה לכבוד התורה לחוד!

אפגעזעהן די סיבות ארום, שרייט פאר די אויגן א מציאות אז די פינסטערע מדינה קומט דא בשם זייער 'דעת תורה', די געמיינע 'ראבינאט' און זיי ווילן מיט דעם כח זיך משתלט זיין און איינטיילן פאר יעדן רב איבער די וועלט צו מוזן האלטן פונקטליך וויאזוי זייער מיינונג לויטעט.

**אין קלארע ווערטער: "רבנות הראשית לישראל איז "סדום על פי תורה!" און דאס דארף ווערן אויסגעריסן עד היסוד...**

**דאס ברענגט אויטאמאטיש אריין א קרירות אין די הערצער, אונזערע הערצער, די הערצער פון אונזערע קינדער, אז מ'קען טון וואס מ'וויל, מ'קען מבזה זיין רבנים פאר'ן משמיע זיין זייער אייגענע דעת תורה, וואס מוז נישט אלעמאל זיין פאפולער, און אפילו לו יהא 'איך' האלט ער איז נישט גערעכט, אבער דאס אראפצורייסן און מבזה זיין דאס איז 'היה לא תהיה'.**

מיר דארפן שרייען, מיר דארפן מוחה זיין, מיר דארפן אויסרופן יעדע לשון של מחאה וואס איז נאר שייך!

סדום על פי תורה איז דאס ארגסטע! ווען די 'בני חת' קומען מיט א מאסקע פון 'כבוד התורה', איז א סימן אז אונטער דעם ליגט די ארגסטע מטרה פון בזיון כבוד התורה, און דער קול מחאה דארף דערהערט ווערן.

וויפיל מעג מען שווייגן?! וויפיל קען מען שווייגן?! וויפיל קענען מיר מסכים זיין אז די רשעים זאלן שפירן אז זיי זענען די לעגיטימע בעלי בתים אויף די תורה הקדושה?

דאס איז א שטארקער יסוד וואס אונזערע רבי'ס האבן אונז געלערנט אז ווען עס איז דא א פירצה טאר מען נישט שווייגן, אפילו ווען עס זענען דא סיבות וואס בארעכטיגן דאס שווייגן, אבער דער געפיל פון שתיקה כהודאה דמי', דאס וואס יעדער האלט מיט ווי דער כבוד התורה ווערט נתחלל בריש גלי ואין פוצה פה ומצפצף, דאס ברענגט א שרעקליכער חרון אף ח"ו.

אין די לעצטיגע תקופה איז ליידער געווען עטליכע מאל ווען דער כבוד פון חשוב'ע רבנים, מרביצי תורה, און גדולי ישראל איז פארשעמט געווארן דורך אנשים שפלים משולי המחנה. וואס כאטש 'הכל לפי המבייש והמתבייש', פון די אנדערע זייט האט אבער פאסירט אז אונז, אונזערע קינדער, אלע האבן מיר מיטגעלעבט א חילול הקודש, מיר האבן געזען ווי אזוי מ'איז מבזה כבוד התורה, און מען איז נישט ארויסגעשפרונגען מיט א מחאה פאר כבוד התורה.

דאס ברענגט אויטאמאטיש אריין א קרירות אין די הערצער, אונזערע הערצער, די הערצער פון אונזערע קינדער, אז מ'קען טון וואס מ'וויל, מ'קען מבזה זיין רבנים פאר'ן משמיע זיין זייער אייגענע דעת תורה, וואס מוז נישט אלעמאל זיין פאפולער, און אפילו לו יהא 'איך' האלט ער איז נישט גערעכט, אבער דאס אראפצורייסן און מבזה זיין דאס איז 'היה לא תהיה'.

מיר דארפן געדענקען וואס אונזער גרויסער רבי האט געזאגט:

די רשעים קומען זיך נישט אננעמען פאר די תורה הק' קיינמאל, אויב זענען זיי דא איז דאס מיט די כוונה פון מבזה זיין און אראפרייסן דעם כבוד התורה, זיי זענען גרייט מצידם צו מאכן א גאנצע רעש און פאמפע פון די תורה כדי צו קענען אויספירן די צווייטע טייל פון זייערע בייזוויליגע פלענער.

און מיר דארפן זיין קלוגער פון דעם.